בס"ד

גליון

# קוראי עונג

פרשת שמות

נערך ע"י הרב יצחק דוד טווערסקי - מלמד בישיבת קארלין סטאלין

## דברי תורה

**וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל פָּרוּ וַיִּשְׁרְצוּ וגו' בִּמְאֹד מְאֹד.** (א, ז)

דאס ווארט 'מאוד' איז אויך טייטש 'געלט', ווייל וויבאלד די אידן זענען געבענטשט געווארן מיט אסאך קינדער, זענען זיי אויך געבענטשט געווארן מיט עשירות, זיי זאלן קענען שפייזן זייערע קליינע קינדער.

(ספר כלי יקר)

**הִנֵּה עַם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל רַב וְעָצוּם מִמֶּנּוּ.** (א, ט)

'הנה עם בני ישראל', אויב די אידישע קינדער האלטן זיך צוזאמען אזוי ווי איין פאלק, עס איז נישט דא ביי זיי קיין מחלוקת ח"ו, 'רב ועצום', דעמאלט וועט דאס פאלק זיין זייער גרויס און שטארק, קיין שום פאלק וועט זיי חלילה נישט קענען קיין שלעכט'ס טוהן.

(דער הייליגער רבי ישראל פון רוז'שין זי"ע)

**וַיְמָרְרוּ אֶת חַיֵּיהֶם בַּעֲבֹדָה קָשָׁה.** (א, יד)

אויף די ווערטער 'וימררו את חייהם' איז דער טראפ א 'קדמא ואזלא', וועלכע איז א פרייליכע טראפ. דארף מען פארשטיין, איז דאס דען פרייליך אז מען האט פארביטערט דאס לעבן פון די אידן אין מצרים?

נאר דער אייבערשטער האט דאך געזאגט פאר משה רבינו אז צוליב די שווערע ארבעט וואס זיי האבן געארבעט אין מצרים, זענען זיי באפרייט געווארן פריער פאר דער צייט, ווייל פאר אברהם האט דער אייבערשטער געזאגט אז זיי וועלן זיין אין גלות 400 יאר, און דערווייל זענען זיי דארט געווען נאר 210 יאר. קומט אויס אז 190 יאר - וואס באטרעפט 'קץ' - האבן זיי נישט געארבעט. דערפאר איז דאס א פרייליכע זאך אז דער 'וימררו את חייהם' איז נאר געווען 210 יאר אנשטאט 400 יאר.

דערפאר שטייט אויף 'וימררו את חייהם' א 'קדמא ואזלא' טראפ, ווייל צוליב וואס עס איז געווען 'וימררו את חייהם', דעריבער איז געווען 'קדמא ואזלא', 'קדמא' מיינט פריער, 'אזלא' מיינט ארויסגיין, אז די אידן זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים פריער פאר די צייט, וויבאלד זיי האבן גאר שווער געארבעט.

דאס איז מרומז אין די ווערטער 'קדמא ואזלא' וואס באטרעפט 190, ווי דאס ווארט 'קץ', וואס ווייזט אויף די 190 יאר וואס זיי זענען ארויס פריער פון מצרים.

(דער הייליגער 'מגיד' רבי מרדכי פון טשערנאביל זי"ע)

**וַיֹּאמֶר מֶלֶךְ מִצְרַיִם לַמְיַלְּדֹת הָעִבְרִיֹּת וגו'. וַיֹּאמֶר בְּיַלֶּדְכֶן אֶת הָעִבְרִיּוֹת.** (א, טו-טז)

פארוואס שטייט צוויי מאל דאס ווארט 'ויאמר', '<u>ויאמר</u> מלך מצרים למילדות וגו' <u>ויאמר</u> בילדכן'? עס זעהט דאך אויס ווי פרעה האט זיי געזאגט צוויי זאכן?

נאר פרעה האט געוואוסט אז יוכבד און מרים וועלן זיכער נישט הרג'ענען קיין אידישע קינדער, דעריבער האט ער צום ערשט געביטן זייער אידישע נאמען, צו א גוי'אישע נאמען 'שפרה' און 'פועה', ווייל דורך דעם וואס זיי וועלן האבן א גוי'אישע נאמען, וועט דאס ווירקן אויף זיי זיך צו פירן ווי די גוים מיט רציחה ח"ו. אבער דאך האבן די צוויי צדקניות זיך געשטארקט און געבליבן געטרייע און ערליכע אידישע קינדער.

דאס איז פשט אין פסוק, 'ויאמר מלך מצרים למילדות העבריות', פרעה האט זיי געזאגט 'אשר שם האחת שפרה ושם השנית פועה', אז זיי זאלן זיך רופן מיט א גוי'אישע נאמען, און דערנאך 'ויאמר בילדכן וגו', האט ער זיי געזאגט אז זיי זאלן ח"ו הרג'ענען די אינגלעך.

(דער הייליגער 'בני יששכר' זי"ע)

**כִּי יָרְאוּ הַמְיַלְּדֹת אֶת הָאֱלֹקִים וַיַּעַשׂ לָהֶם בָּתִּים.** (א, כא)

ווען פרעה האט געפרעגט די מילדות פארוואס זיי האבן געלאזט לעבן די קינדער, האבן זיי גע'ענטפערט אז די אידישע פרויען זענען נישט ווי די מצרי'שע, נאר נאך איידער די מילדות קומען צו די געבורט, האבן זיי שוין געבוירן. איז שווער, ווי אזוי האבן זיי דאס געזאגט פאר פרעה, איז דאס דען געווען אמת?

נאך איז שווער, אויב האבן די אידישע פרויען טאקע נישט געדארפט צוקומען צו די מילדות, פארוואס האבן די מילדות דאס באלד נישט געזאגט פאר פרעה, ווען ער האט זיי באפוילן צו הרג'ענען די אינגלעך?

נאר באמת, אין אנהייב האבן די אידישע פרויען יא געדארפט צוקומען צו די מילדות, נאר נאכדעם וואס זיי האבן געזאגט אז זיי גייען זיך מוסר נפש זיין און זיך אפילו לאזן הרג'ענען, כדי ח"ו נישט צו הרג'ענען די אינגלעך, האט זיי דער אייבערשטער געהאלפן און געמאכט אז די אידישע פרויען זאלן טאקע נישט דארפן צוקומען צו קיין מילדות. אזוי האבן די מילדות געקענט ענטפערן פאר פרעה אז די אידישע פרויען דארפן נישט קיין מילדות.

דאס זאגט דער פסוק, 'ויהי כי יראו המילדות את האלקים', וויבאלד די מילדות האבן מורא געהאט פונעם אייבערשטער, זיי האבן זיך מוסר נפש געווען, האט זיי דער אייבערשטער באצאלט מיט 'ויעש להם בתים', דאס ווארט 'בתים' איז נוטריקון '<u>ב</u>טרם <u>ת</u>בוא <u>מ</u>ילדת <u>י</u>לדו', איידער די מילדות זענען געקומען צו די אידישע פרויען, האבן זיי שוין געבוירן די קינדער, אזוי זענען זיי געראטעוועט געווארן פון פרעה.

(דער הייליגער 'אמרי נועם' פון דז'יקוב זי"ע)

**וַתִּפְתַּח וַתִּרְאֵהוּ אֶת הַיֶּלֶד וגו' וַתַּחְמֹל עָלָיו.** (ב, ו)

ווי קומט דאס אז די טאכטער פון פרעה זאל האבן אין זיך די אידישע מדה פון רחמנות? איר טאטע איז דאך געווען א רשע און א רוצח וועלכע האט באפוילן אויסצו'הרג'ענען אלע אידישע אינגלעך?

נאר ווען מען קוקט אריין אין דעם פנים פון א צדיק און מען זעהט זיין הייליגע צורה, ווערט מען פארענדערט און מען נעמט איבער פון די גוטע מדות פון דעם צדיק. דעריבער זאגט דער פסוק, 'ותפתח ותראהו את הילד', ווען בתי'ה האט געזעהן די הייליגע צורה פון משה רבינו, 'ותחמול עליו', האט זיך דערוועקט אין איר הארץ די אידישע מדה פון רחמנות.

(דער הייליגער רבי שלום פון בעלזא זי"ע)

**וַיָּמָת מֶלֶךְ מִצְרַיִם וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל וגו' וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל הָאֱלֹקִים מִן הָעֲבֹדָה.** (ב, כג)

די מצריים האבן אפילו נישט געלאזט די אידן וויינען אויף זייער ליידן, נאר ווען פרעה איז געשטארבן און אלע מצריים האבן געוויינט, האבן די אידן געהאט א געלעגנהייט זיך צו אויסוויינען צום אייבערשטער אויף זייערע אייגענע ליידן, ווייל די מצריים האבן געמיינט אז די אידן באוויינען פרעה'ס טויט. זאגט אבער דער פסוק שפעטער, 'וידע אלקים', דער אייבערשטער האט אבער געוואוסט צוליב וואס די אידן וויינען.

(דער הייליגער 'של"ה' זי"ע)

'ותעל שועתם אל האלקים', די אידן האבן מער געוויינט אויף דאס וואס זיי קענען נישט דינען דעם אייבערשטער, 'מן העבודה', מער ווי זייער וויינען אויף דאס וואס זיי מוזן אזוי שווער ארבעטן.

(דער הייליגער רבי מנחם מענדל פון רימאנוב זי"ע)

כל הזכויות שמורות © נאכדרוקן פארבאטן • צו באקומען דעם גליון אדער צו שרייבן הארות און הערות ביטע שיקט צו koreioneg@gmail.com

**האלך וקראתי לך אשה מינקת מן העבריות.**

אין די צייטן פון דער הייליגער 'בעל שם טוב' זי"ע, האט געלעבט א פרוי וואס האט נישט זוכה געווען צו קיין קינדער, זי פלעגט כסדר קומען צום הייליגער בעש"ט אז ער זאל פאר איר אויסבעטן א ישועה.

איינמאל האט איר דער בעש"ט צוגעזאגט אז זי וועט געהאלפן ווערן מיט א בן זכר, און צום יאר איז ביי איר געבוירן געווארן א אינגל. דאס קינד איז געווען זייער א שיינע, יעדער וואס האט עם געזעהן האט עם באוואונדערט.

ווען דאס קינד איז אלט געווארן צוויי יאר האט זיין מאמע עם געברענגט צום בעש"ט, כדי ער זאל עם געבן א ברכה. ווען זי איז אריינגעקומען, האט דער בעש"ט גענומען דאס קינד אין די הענט און ער האט עם געהאלדזט און געקושט, דערנאך האט ער דאס קינד צוריק געגעבן פאר'ן מאמע, ער האט איר געזעגנט, און זי איז אהיים געפארן. עטליכע טעג נאכ'ן אהיימקומען, איז דאס קינד ל"ע שטארק קראנק געווארן און איז אוועק פון די וועלט.

די מאמע איז שטארק צובראכן געווארן, און איז באלד צוריק געפארן צום בעש"ט מיט א געוויין: "רבי! וואס האט איר געטוהן צו מיין זוהן? איך האב געברענגט א שיין געזונט לעבטיג קינד צו אייך, און אהיים געברענגט האב איך א קראנקע קינד! רבי האט רחמנות". אזוי האט זי שטארק פארפירט און געוויינט.

רופט זיך דער בעש"ט אָן צו איר: "בארואיגט אייך און הערט וואס איך וועל אייך דערציילן: אין א ווייטע מדינה האט געוואוינט א רייכע און מעכטיגע קעניג, ער האט פארמאגט אלעס אין דער וועלט, נאר איין זאך האט עם געפעלט, און דאס האט עם נישט געגעבן קיין מנוחה, ער האט נישט געהאט קיין קינד וואס זאל ירש'נען זיין מלוכה.

איינמאל רופט ער צו זיין הויפט עצה געבער, און זאגט עם וואס ליגט עם אויפ'ן הארץ, און ער בעט עם אז ער זאל עם ארויס העלפן מיט אַן עצה. האט עם דער יועץ געזאגט: "איך האב פאר אייך א ריכטיגע עצה, דער איינציגע ווער עס קען אייך העלפן זענען די אידן, געב ארויס א גזירה אויף די אידן אז זיי מוזן פאר אייך אויסבעטן א אינגל, אויב נישט וועסט דו זיי פארטרייבן פון דיין לאנד, דאן וועסט דו שוין זעהן ווי דו וועסט געהאלפן ווערן".

דער קעניג האט געפאלגט דעם יועץ און מען האט ארויס געגעבן א גזירה אויף די אידן. די אידן, הערנ'דיג די גזירה, זענען אריין אין די שוהלן, זיי האבן געדאווענט און געזאגט תהלים, אויך האט מען גוזר תענית געווען, און זייער געשריי איז ארויף געגאנגען פאר'ן כסא הכבוד.

א הייליגע נשמה, הערנ'דיג די צרה, האט געזאגט פאר'ן אייבערשטער אז זי איז גרייט אראפ צו גיין אויף דעם וועלט און ווערן א זוהן ביים קעניג, כדי די אידן זאלן געראטעוועט ווערן פון די שלעכטע גזירה.

עס איז נישט אריבער א גאנצע יאר, און צו די פרייד פון אלע אידן איז געבוירן געווארן א זוהן ביים קעניג.

דאס קינד וואס איז געבוירן געווארן איז געווען אַן אויסטערלישע קלוגע און געלונגענע קינד, אלעס וואס מען האט מיט עם געלערנט האט ער אויפגעכאפט ביים ערשטן מאל, שוין אין די גאר יונגע יארן האט ער זיך איינגעקויפט ידיעות אין יעדן ענין, און עס איז שוין נישט געווען צו טרעפן א מענטש וואס זאל מיט עם לערנען נייע זאכן וואס ער קען נאך נישט. דעריבער האט דער קעניג געברענגט דעם פויפסט אליין, ער זאל לערנען מיט זיין זוהן, ווייל ער וועט זיכער לערנען מיט'ן קינד נייע זאכן וואס ער האט נאך קיינמאל נישט געלערנט.

דער פויפסט האט אנגענומען די וויכטיגע ארבעט פון לערנען מיט'ן בן המלך, אבער איין תנאי האט ער זיך אויסגענומען מיט'ן קעניג, אז ער מוז האבן פאר זיך צוויי שעה אין טאג וואס ער וועט זיין פארשלאסן אין א שטוב, ווען קיינער מעג צו עם דעמאלט נישט אריינקומען, ווייל דעמאלט גייט ער ארויף אין הימל.

דער קעניג האט מסכים געווען דערויף, און דער פויפסט האט טאקע אנגעהויבן צו לערנען מיט'ן בן המלך. די ערשטע פאר וואכן האט דער בן המלך טאקע געלערנט נייע זאכן, אבער עס האט נישט לאנג גענומען, און אויך דער פויפסט אליין האט נישט שוין געהאט קיין שום נייע זאכן וואס צו לערנען מיט דעם קינד, אלעס האט ער שוין געקענט.

איינמאל האט זיך דער בן המלך מיישב געווען, פארוואס זאל ער נישט קענען זעהן וואס דער פויפסט טוהט ווען ער פארשפארט זיך אין צימער, האט ער זיך שטילערהייט איבער געמאכט דעם שליסל פון די שטוב, און איין טאג, אינמיטן דעם פויפסט'ס התבודדות, האט ער פלוצלונג אויפגע'עפענט די טיר, און ער האט פאר זיך געזעהן א מורא'דיג בילד... דער פויפסט זיצט, איינגעהילט אין טלית און תפלין, און ער לערנט גמרא...

דער פויפסט האט זיך זייער דערשראקן, ווייל דאס האט געקענט ברענגען א טויט שטראף אויף עם, אבער דער בן המלך האט עם באלד בארואיגט זאגנ'דיג: "האט נישט קיין מורא, איך וועל קיינעם נישט אויסזאגן אז איר זענט א איד, אבער איין זאך בעט איך אייך, לערנט מיט מיר די תורה, אפשר וועל איך דארט טרעפן די קלוגשאפט און ידיעות וואס איך זוך".

דער פויפסט האט עם צוליב געטוהן, און פון דעמאלט אָן האט ער מיט עם יעדן טאג געלערנט די תורה הקדושה, עטליכע שעות אין טאג. די הייליגע תורה איז פאר'ן בן המלך זייער שטארק געפעלן, און ער איז געווארן א געוואלדיגע קענער אין אלע עקן פון די תורה.

איין טאג פרעגט דער בן המלך פונעם פויפסט: "אז איר זענט יא א איד, פארוואס לעבט איר אזוי באהאלטן אלס א גוי?" דער פויפסט האט זיך צעוויינט: "וואס זאל איך טוהן, רוב פון מיינע יארן זענען שוין אריבער, און איך האב זיך צוגעוואוינט צו דעם לעבנ'ס שטייגער, איך וועל שוין אזוי אויסלעבן מיינע יארן".

דער בן המלך האט אבער געזאגט: "איך וויל נישט אזוי לעבן, נאר איך וויל זיך מגייר זיין און לעבן ווי א איד, אבער איך קען דאך נישט דא בלייבן וואוינען, ווייל מיין טאטע וועט מיר נישט לאזן ווערן א איד, אויך אוועקפארן וועט ער מיר נישט לאזן, וואס זאל איך טוהן?"

האט עם דער פויפסט גע'עצה'ט: "זאג דיין טאטע'ן, אזוי ווי דו ביסט דער קרוין פרינץ, און דו וועסט דאך אמאל ווערן דער קעניג, ווילסט דו זיך באקענען מיט די מענטשן פון די מדינה, און דו ווילסט פארן באזוכן עטליכע שטעט פאר א קורצע צייט, און דו וועסט צוריק קומען נאך פאר דרייסיג טעג. איך מיין אז דיין טאטע וועט מסכים זיין אויף דעם".

דער בן המלך האט אויסגע'פועל'ט ביי זיין פאטער ער זאל עם לאזן פארן, און ער האט זיך געלאזט אין וועג אריין. אריבער פארנ'דיג די גרעניץ פון לאנד האט ער געהייסן דעם בעל עגלה ער זאל צוריק פארן אין די מדינה, ווייל ער וועט זיך דא לאנג אויפהאלטן. ער האט דארט אויפגעזוכט א אידישן רב, און ער האט זיך מגייר געווען.

ער האט זיך אריין געזעצט אין בית המדרש און געלערנט און געדינט דעם אייבערשטער טאג און נאכט, געלט האט עם נישט געפעלט, ווייל זיין פאטער האט עם מיט געגעבן א גרויסע סומע פאר'ן וועג. אזוי האט ער אויסגעלעבט זיינע יארן אלס א טייערע און ערליכע איד, ווען ער איז שוין געווען אַן אלטע איד איז ער נפטר געווארן לחיי העולם הבא.

ווען זיין נשמה איז ארויף געקומען אויפ'ן עולם האמת, האט קיינער זיך נישט דערוואגט צו רעדן אויף די הייליגע נשמה א שלעכט ווארט. וואס הייסט? איינער וואס האט אויפגעגעבן די מלוכה און האט מקדיש געווען זיין לעבן פאר תורה!

אבער דאך איז געקומען צו גיין א שלעכטע מלאך און געזאגט: "ער האט דאך צוויי יאר געזויגט פון א גוי'אישע מאמע, מען קען עם נישט אריינלאזן גלייך אין גן עדן".

בי"ד של מעלה האט גע'פסק'נט, אז די נשמה זאל נאכאמאל אראפקומען אויף דער וועלט, עס זאל זייגן צוויי יאר פון א אידישע מאמע, דערנאך וועט זי קענען אריין גיין אין גן עדן.

האט דער 'בעל שם טוב' צוגע'ענדיגט צו דערציילן פאר'ן פרוי און געזאגט: "אין הימל האט מען געזוכט א פאסיגע ערליכע אידישע מאמע, וועלכע זאל האבן די זכיה צו זייגן די הייליגע נשמה אויף צוויי יאר, און איך האב דאס אייך מזכה געווען"...

באלד דערנאך האט די מאמע געבוירן נאך א קינד, דער הייליגער רבי אהרן 'הגדול' פון קארלין זי"ע.

❋ ❋ ❋

**אכן נודע הדבר.**

אין א שטעטל נעבן בארדיטשוב האט געוואוינט א גביר'ישע איד, וועלכע האט ליידער נישט זוכה געווען צו קיין קינדער, און ער איז געווען זייער פארביטערט פון זיין מצב.

דארט אין שטאט האט געוואוינט א חשוב'ע רב, און דער גביר האט געלעבט גאר גוט צוזאמען מיטן רב, אז עס האט געהערשט א שטארקע ידידות צווישן דער גביר מיט'ן רב.

איינמאל האט דער רב אנגעהויבן צו איבער'רעדן דעם גביר אז ער זאל פארן צום הייליגער רבי ישראל דוב פון ווילעדניק זי"ע (יא"צ כ"א טבת), און דארט וועט ער זיכער קענען געהאלפן ווערן. ווי באוואוסט איז דער ווילעדניק'ער צדיק געווען א גרויסע פועל ישועות, צו וועמען טויזנטער אידן פלעגן פארן און אויס'פועל'ן ישועות.

דער גביר האט עם געפאלגט, און איז צוזאמען מיט זיין פרוי געפארן קיין ווילעדניק. ארייגקומענדיג אינעם רבי'נס שטוב, האבן זיי באלד אויסגעבראכן אין א יאמערליכע געוויין, דערציילנ'דיג פאר'ן רבי'ן זייער ביטערע מצב, אז דער רבי זאל זיי אנוואונטשן.

אויפ'ן טיש איז געליגן א הגדה, דער רבי האט גענומען די הגדה, און האט זיך פארטראכט דערמיט, און דאן געזאגט פאר'ן גביר: "פארט אהיים, און גייט איבערבעטן אייער רב, אויף וואס איר האט זיך פארזינדיגט פאר עם, דאן וועסט דו געהאלפן ווערן מיט קינדער!"

דער גביר איז געבליבן שטיין פארצ'יטערט פארנט פונעם רבי'ן, און האט זיך געוואונדערט אויף דעם רבי'נס ווערטער. ער לעבט דאך אזוי גוט מיט'ן רב, אויב אזוי פארוואס דארף ער עם איבערבעטן?! אבער דער רבי האט עם ווידער גע'ענטפערט דאס זעלבע, אז ער זאל אהיימפארן און איבערבעטן דעם רב, אזוי וועט ער געהאלפן ווערן מיט קינדער.

דער גביר איז אהיימגעפארן זייער צובראכן, אבער ער האט אויסגעפאלגט דעם רבי'נס ווערטער, און איז באלד געגאנגען צום רב, און עם דערציילט איבער די נסיעה קיין ווילעדניק, און וואס דער רבי האט עם באפוילן צו טוהן כדי צו געהאלפן ווערן מיט קינדער.

דער פנים פונעם רב איז אויפגעלאכטן געווארן, ווען מיט א ליכטיגע שטראל אויפ'ן געזיכט געבט ער זיך א רוף אָן: "יעצט זעה איך קלאר דעם הייליגקייט פונעם ווילעדניק'ער צדיק, אז ער איז א גרויסע נביא!"

דאן האט עם דער רב דערציילט: "עס איז געווען פאר צוואנציג יאר צוריק, ווען איך בין דעמאלט ארומגעפארן אין די דערפער, און געברענגט ווין צום פארקויפן פאר פרנסה. דו האסט דעמאלט געפירט די ארענדע, און עס האט דיר געשטערט אז איך גיי ארום פארקויפן ווין, ביסט דו געגאנגען צום פריץ און מיר גע'מסור'ט אז איך פארקויף ווין, און מען האט מיר ארעסטירט אין א פינסטערע טורמע.

יענעם שבת האב איך גדארפט מיט גרויס צער נעכטיגן פרייטאג צונאכט'ס מיט גוים, האב איך דעמאלט געטראכט ביי זיך אין הארצן, אז איך וועל דיר דאס קיינמאל נישט מוחל זיין. ווייל דו ווייסט נישט וואס פאר א בזיונות און צער דו האסט מיר דעמאלט אנגעמאכט".

הערנ'דיג דאס, איז דער גביר געפאלן צו די פיס פונעם רב און עם איבערגעבעטן, זאגנ'דיג אז די ברירה צי ער זאל האבן קינדער ליגט יעצט אין די הענט פונעם רב.

דער רב האט עם פארשטייט זיך מוחל געווען, און ביז א יאר איז ער געהאלפן געווארן מיט א קינד למזל טוב.

✵ ✵ ✵

**מי שם פה לאדם או מי ישום אלם.**

צו דער הייליגער רבי משה צבי פון סאווראן זי"ע (יא"צ כ"ה טבת), איז געקומען א איד מיט א קינד וועלכער איז ליידער געווען שטום, ער האט גארנישט געקענט רעדן, און האט געבעטן אז דער רבי זאל מאכן א מופת אז זיין זוהן זאל קענען רעדן.

האט עם דער צדיק געזאגט אז ער זאל צוריק קומען צוזאמען מיט זיין זוהן מוצאי שבת.

מוצאי שבת ווען ער איז צוריק געקומען, האט דער צדיק גענומען דאס קינד אויף זיין שויס, און ער האט עם געפרעגט: "ווי אזוי הייסט דו?" האט דאס קינד צו אלעמענס וואונדער גע'ענטפערט: "משה".

האט עם דער צדיק געפרעגט: "פארוואס זאגסט דו נישט, א גוטע וואך?" האט דאס קינד געזאגט: "א גוטע וואך".

האט דער צדיק ווייטער געזאגט: "זאג אל"ף", האט דאס קינד געזאגט: "אל"ף". "זאג בי"ת", האט ער געזאגט: "בי"ת". און אזוי האט ער געזאגט מיט עם די גאנצע אל"ף בי"ת.

האט דער צדיק ווייטער געפרעגט: "וואס וועסט דו טוהן אויב דו וועסט קענען רעדן?"

האט דאס קינד גע'ענטפערט: "איך וועל לערנען תורה".

דער צדיק האט אנגעוואונטשן דאס קינד, און פון דעמאלט אָן האט דאס קינד אנגעהויבן צו רעדן, אז מען האט גארנישט דערקענט אויף עם אז ער איז אמאל געווען שטום.

א קורצע צייט שפעטער, איז א גביר פון שטאט געקומען מיט די זעלבע בקשה אז זיין זוהן איז שטום און ער וויל א ברכה פון רבי'ן, דער רבי האט דאס זעלבע געטוהן מיט דעם קינד, פונקט אזוי ווי ער האט געטוהן מיט דעם פריער'דיגן קינד.

ווען ער איז אנגעקומען צום פראגע: "וואס וועסט דו טוהן ווען דו וועסט קענען רעדן?"

האט דאס קינד גע'ענטפערט: "איך וועל זיין א מסור, און איינ'מסור'ען אידן צום רעגירונג".

האט דער הייליגער סאווראנ'ער רב געזאגט: "אויב אזוי, איז שוין בעסער אז דו זאלסט קיינמאל נישט קענען רעדן".

אזוי איז טאקע געווען, דאס קינד האט קיינמאל ווייטער נישט געקענט רעדן.

✵ ✵ ✵

**כי מתו כל האנשים - והעני חשוב כמת.** (רש"י)

איבער די שטעטלעך און דערפלעך גייט זיך דער ארימער חסיד ר' דוד, ער איז געגאנגען צופוס, וויבאלד ער האט נישט געהאט קיין געלט צו דונגען א וואגן, ער איז צובראכן און מיד, אבער דאס אלעס האלט עם נישט צוריק פון צו גיין צו זיין גרויסן רבי'ן, דער הייליגער רבי אלימלך פון ליז'ענסק זי"ע.

אינמיטן וועג גייענ'דיג, זעהט ער ווי א באקאנטע גרויסע עושר פון ווארשא פארט זיך אין זיין שיינעם וואגן. אויף די פראגע פון ר' דוד וואו אהין ער פארט, האט יענער גע'ענטפערט אז ער פארט צום הייליגער רבי אלימלך פון ליז'ענסק זי"ע.

ר' דוד האט עם געבעטן אז ער זאל עם מיטנעמען אויף זיין וואגן קיין ליז'ענסק, און דער עושר האט באלד מסכים געווען, און עם ארויפגעלאזט אויפ'ן וואגן.

דער עושר, פארנ'דיג אינעם באקוועמען וואגן, האט געמיינט אז דער וועלט געהערט פאר עם, און ער האט געטראכט אז דער מיטרייזענדע איד איז סתם עפעס אַן ארימאן, אַן ארחי פרחי, האט זיך עם פארגלוסט אביסל זיך אונטערהאלטן אויפ'ן ארימאן'ס חשבון.

ער האט זיך גענומען מאכן שפאַס און געלעכטער פון ר' דוד, אבער ר' דוד האט עם נישט גע'ענטפערט נאר שטיל געשוויגן. אזוי איז געווען דורכ'ן גאנצן וועג, דער עושר האט גערעדט און געהאלטן אין איין לאכן און שפעטן פון ר' דוד, און ר' דוד האט געשוויגן.

ווען דער וואגן איז אנגעקומען קיין ליז'ענסק, זענען זיי באלד צוגעפארן צום הויף, דער עושר איז באלד אריין צום הייליגער רבי אלימלך נאך א ברכה.

אבער ר' דוד האט זיך נישט אזוי שנעל געאיילט אריינצוגיין צום רבי'ן, עס האט עם אנגעכאפט א ציטער: "וואס הייסט, אז מען גייט אריין צום רבי'ן, דארף מען דאך פריער תשובה טוהן, דער רבי האט דאך אפענע אויגן און זעהט אלעס וואס מען האט אפגעטוהן פון קינדווייז אָן".

האט זיך ר' דוד גענומען צייט, און גוט זיך צוגעגרייט פאר ער איז אריין צום הייליגן רבי'ן.

ווען ר' דוד איז ענדליך אריין צום רבי'ן, האט עם דער הייליגער צדיק זייער פריינד'ליך אויפגענומען, און האט מיט עם ארומגערעדט אַן ערך פון צוויי שעה.

ווען ר' דוד איז ארויסגעקומען פונעם צדיק'ס שטוב, האט ער זיך געוואנדן צו דעם עושר מיט וועלכער ער איז געקומען, און עם געזאגט: "דו קענסט אהיים פארן געזונטערהייט, ווייל איך דארף נאך דא פארבלייבן אויף א שטיקל צייט. און ווען דו וועסט אינמיטן וועג הערן א קול פון א געשריי, זאלסט דו נאכגיין דאס קול, און יענעם ארויסהעלפן פון זיין נויט".

דער עושר וואס האט זיך פריער אזוי ביליג און פראסט זיך באצויגן צו ר׳ דוד, ווען ער האט געזעהן ווי דער הייליגער רבי אלימלך האט זיך דורכגערעדט מיט ר׳ דוד א לענגערע צייט, האט ער באלד פארשטאנען אז ר׳ דוד איז נישט קיין פשוט׳ער איד, און ער האט זייער חרטה געהאט אויף וואס ער האט געטריבן שפּאַס און אפגעלאכט פון עם. נאכדערצו יעצט, ווען ער האט געהערט די רייד פון ר׳ דוד, וואס ער האט עם אנגעזאגט, האט עס עם שטארק דורכגענומען, און ער האט דאס ערנסט אנגענומען.

עס איז געווען דעמאלט הערבסט צייט, די זון האט נאך ברייט געשיינט אויפ׳ן האריזאנט. מיטאמאל האט זיך גענומען בלאזן א קאלטע ווינט, און עס האט באלד גענומען ברענגען פון ערגעץ וואו געדעכטע וואלקענעס, און א שלאק׳ס רעגן האט זיך באלד אראפגעלאזט אויף דער ערד, אזוי אז עס איז כמעט אומ׳מעגליך געווען צו פארן.

ער האט זיך גענומען פארן פאמעלאך, און אזוי ווי עס איז געווען איבעראל פול מיט ליים און עס האט זיך נישט אנגעזעהן קיין וועג, האט ער אוועק געבלאנדזשעט פונעם ריכטיגן וועג, און האט זיך אריינגעלאזט טיף אין וואלד אריין, נישט וויסנ׳דיג אז דאס האט פאסירט.

ווען ער האט זיך געכאפט וואס עס גייט פָאר, האט ער באלד געזוכט דעם וועג ארויס, אבער דא דערהערט ער א הויכע געשריי פון וויטאג אין די פוילישע שפראך.

ער האט זיך באלד דערמאנט אין די רייד וואס ר׳ דוד האט עם אנגעזאגט זייענ׳דיג אין ליזענסק. האט ער זיך גענומען נאכגיין דאס קול, און איז אריין טיפער אין וואלד, ביז ער איז אנגעקומען צו א פלאץ וואס איז געווען פול מיט מאראסט, און פלוצלינג דערזעהט ער פאר זיך א שרעקליכע בילד, א פוילישע פריץ איז איינגעזונקען אין א זומפּ צוזאמען מיט זיין פערד און וואגן, און ער קען זיך נישט ארויסרירן פון דארט.

דער עושר האט באלד גענומען דיקע שטריק וואס ער האט מיט זיך געהאט אינעם וואגן, ער האט צוגעבונדן איין עק צו זיין וואגן, וואס איז געשטאנען אביסל פונדערווייטנס, אויף א טרוקן שטיקל פלאץ, און דעם צווייטן עק האט ער צוגעבונדן צום וואגן פונעם פריץ וואס האט געזונקען אינעם זומפּ. דער עושר האט געגעבן עטליכע גוטע שמיץ אויף זיין פערד, און ביז עטליכע מינוט האבן די געזונטע פערד ארויסגעשלעפט דעם וואגן פונעם פריץ צוזאמען מיט׳ן פריץ וואס איז דערויף געזיצן.

דער פריץ, וועלכע איז שוין געווען אינעם זומפּ א לענגערע צייט, איז געווען זייער אויסגעמאטערט, אז ער האט אפילו נישט געהאט קיין כח ארויסצורעדן א ווארט.

דער עושר האט עם ארויסגעצויגן פונעם זומפּ, ער האט עם אנגעטוהן א ווארימע קלייד, און עם געגעבן עסן און טרינקען ביז ער איז צוביסלעך געקומען צו די כוחות, און עס איז עם בעסער געווארן. דאן האט דער פריץ גענומען דערציילן, ווי אזוי זיין מעשה האט פאסירט:

"שוין א לענגערע צייט, וואס איך פאָר יעדן טאג שפאצירן אויסער די שטאט, צו שעפן אביסל פרישע לופט. היינט ווען איך בין ארויסגעפארן איז געווען א שיינע צייט, ווער האט זיך דען בכלל גערעכנט אז עס וועט זיך אראפלאזן אזא גאָס רעגן. און דא מיטאמאל ווען איך בין שוין געווען טיף אינעם וואלד, האט זיך פלוצלינג אראפגעלאזט אזא רעגן, אז איך האב אינגאנצן פארלוירן דעם ריכטיגן וועג, איך בין אראפגעפארן פון דעם גראדע וועג.

די פערד זענען געלאפן וואו עס האט זיך נאר געלאזט, און אט האבן מיר זיך באלד געטראפן אין דעם זומפּ פון וואו מיר האבן זיך נישט געקענט ארויס רירן פון דארט.

ווען איך בין אראפּ פון וואגן צו זעהן וואס עס טוט זיך, און איך האב געשטעלט עטליכע טריט אויף דער ערד, האב איך באלד געזעהן אין וואס פאר א סכנה איך געפון זיך. ווי מער איך האב פרובירט זיך ארויסצושלעפן פונעם זומפּ, בין איך אלס טיפער געזונקען צוזאמען מיט׳ן וואגן אנכאפנ׳דיג זיך דעריך, און דא האט נאך געגאסן אויף מיר די שווערע רעגן, אזוי אז איך האב פשוט פארלוירן מיינע כוחות.

איך האב זיך גענומען שרייען, און עס האט קיינער נישט געהערט, ווייל ווער גייט דען אין אזא צייט אין וואלד, ביז ענדליך דו האסט מיר דערהערט און דו האסט מיר געראטעוועט".

"פון וואנעט ביסט דו?" - פרעגט עם דער עושר. "פון ווארשא" - ענטפערט דער פריץ.

"אויך איך בין פון ווארשא" - זאגט דער עושר - "איך פאָר טאקע יעצט אהין, אזוי אז דו וועסט קענען פארן צוזאמען מיט מיר און אויך וועסט דו קענען זיין ביי מיר אין מיין שטוב וואס איז ביים אנהייב פונעם שטאט, ביז דו וועסט אינגאנצן צוריק קומען צו זיך".

דער פריץ האט צוגעשטימט דערצו, ער איז מיטגעפארן מיט׳ן עושר. ווען זיי זענען אנגעקומען צום עושר׳ס הויז וואס האט זיך געפונען ביים אנהייב פונעם שטאט, האט דער עושר תיכף איבערגענומען פונעם פריץ זיינע נאסע דורכגעווייקטע און פארשמירטע קליידער, ער האט עם געגעבן צו טרינקען ווארימ׳ס, אויך א גוטע מאלצייט האט ער עם געגעבן. אינדערפרי איז דער פריץ שוין געווען פריש און געזונט, ער האט דעם עושר זייער באדאנקט און זיך געזעגנט פון עם, און ער איז זיך געגאנגען צו זיך אהיים.

נאך עטליכע טעג האט דער פריץ געשיקט רופן דעם עושר, איז ער געקומען צום פריץ, און דער פריץ פרעגט עם: "וואס פאר א באלוינונג זאל איך דיר געבן, פאר דעם אלעם גוט׳ס וואס דו האסט מיט מיר געטוהן? דו זאלסט וויסן, אז ווען דו קומסט מיר נישט ראטעווען, וואלט איך דאך זיכער איינגעזונקען געווארן אינעם זומפּ, אדער וואלט איך סתם אזוי אויסגעגאנגען נישט האבנ׳דיג קיינע כוחות דאס איבערצוטראגן, דעריבער מוז איך דיר באלוינען דערפאר".

ענטפערט דער עושר, אז ער דארף נישט קיין שום באלוינונג, ווייל עס איז עם גענוג אז ער האט געקענט ראטעווען א מענטש פון א זיכער׳ן טויט, און דאס איז זיין שכר און באלוינונג.

זאגט עם דער פריץ: "גוט, אז דו ווילסט נישט קיין באלוינונג, זאג מיר כאטש דיין נאמען און וואו דו וואוינסט, אז איך זאל שטענדיג געדענקען ווער עס איז געווען מיין לעבנ׳ס רעטער".

דער עושר האט עם געזאגט זיין נאמען און דאס פלאץ וואו ער וואוינט, דער פריץ האט זיך דאס אויפגעצייכנט אין זיין ספר הזכרונות.

עס זענען אריבער עטליכע יאר פון די מעשה, א מענטש שטייט דאך נישט אלעמאל אויף דעם זעלבן פלאץ און אין די זעלבע מדריגה. דער וועלט איז דאך געגליכן צו א רעדל וואס דרייט זיך, ארימעלייט קענען מיטאמאל ווערן רייך, רייכע קענען ח"ו ווערן ארימעלייט.

אזוי האט זיך אויך געטראפן מיט אונזער עושר, נאך די מעשה ווען ער האט געראטעוועט דעם פריץ, האט זיך זיין מזל ל"ע אינגאנצן איבערגעדרייט. וואס פאר א געשעפט ער האט נאר געמאכט האט ער פארלוירן דערביי אסאך געלט, ביז ער איז געווארן א גרויסע ׳בעל חוב׳.

ער האט געמוזט איבערגעבן זיינע געשעפטן פאר אנדערע, ער האט פארקויפט זיין הויז, זיינע טייערע קליידער און אלעס וואס ער האט פארמאגט, כדי ער און זיינע בני בית זאלן האבן פון וואס צו לעבן.

ווען ער האט שוין נישט געהאט וואס צו פארקויפן, איז ער געווארן א פשוט׳ע ארימע בעטלער, ארומגייענ׳דיג איבער די הייזער צוזאמען קלייבן נדבות.

אזוי איז ער געגאנגען פון שטאט צו שטאט, פון דארף צו דארף, אז ער האט געליטן פון הונגער און נויט, ביז ער האט שוין פון לאנג פארגעסן אז ער איז אמאל געווען אַן עושר.

נאך א לאנגע צייט פון זיך ארום וואנדערן, איז ער אינצווישן אויך אנגעקומען צו זיין היים שטאט ווארשא.

אויך דא האט ער זיך שוין נישט געשעמט ארומצוגיין מיט זיינע צוריסענע קליידער איבער די שטאט צוזאמען קלייבן נדבות, ווייל קיינער האט עם שוין סיי ווי נישט דערקענט, אין זיין יעצטיגן שלעכטן מצב.

אזוי איז ער ארומגעגאנגען איבער די שטאט, אויסשטרעקנ׳דיג זיין האנט אפילו פאר דורכגייענ׳דיגע מענטשן אויף די גאס.

איין טאג אין א שיינעם פרימארגן ווען אונזער אמאליגע עושר האט זיך געמיטלעך ארום שפאצירט

# סיפורי צדיקים

אויף די ווארשא'ווער גאסן, צוגייענ'דיג צו יעדן דורכגייער נאך א נדבה, האט ער באמערקט ווי א פריץ קומט צו פארן אין א שיינע רייכע קארעטע.

נישט וויסנ'דיג פון קיין חכמות, איז ער באלד צוגעגאנגען צו דעם קארעטע, ער האט זיך אויסגעטוהן זיין הוט אלס א צייכן פון כבוד, זיך געבויגן דעם קאפ און באגריסט דעם פריץ, און האט אויסגעשטרעקט זיין האנט נאך א נדבה.

דער פריץ וואס איז דאן שוין געווען דער גובערנאטאר פון גאנץ ווארשא, האט עם אריין געקוקט אין פנים, און רופט זיך אָן צו עם: "דו איד, קום נאר דא אהער נענטער צו מיר".

דער איד האט זיך דערשראקן פון דעם באפעל, און באלד געהויבן פיס און אנטלאפן.

דער פריץ האט באלד באפוילן זיין באדינער ער זאל עם נאכלויפן, עם כאפן און ברענגען צו עם.

דער באדינער האט אויסגעפירט דעם באפעל און געברענגט דעם דערשראקענעם איד.

דער פריץ נעמט זיך רעדן צו עם ווען דער איד איז פול מיט פחד און זאגט עם: "האב נישט קיין מורא, איך וועל דיר גארנישט טוהן, איך וויל נאר אז דו זאלסט מיר זאגן דיין נאמען".

האט עם דער איד געזאגט זיין נאמען, און דער פריץ איז שטיין געבליבן א ווילע, ווי ער וואלט נישט געוואוסט וואס ווייטער צו רעדן.

דער פריץ פרעגט ווייטער פון דעם איד: "דו דערקענסט מיר נישט?"

"ניין!" - ענטפערט דער איד.

"אויב אזוי וועל איך דיר דערמאנען" - ענטפערט עם דער גובערנאטאר - "דו געדענקסט אז פאר עטליכע יאר צוריק האסט דו געראטעוועט דאס לעבן פון א פריץ אין וואלד, וואס געפונט זיך דא נישט ווייט פון ווארשא?"

"יא!" - ענטפערט דער איד - "איך דערמאן זיך דערפון".

"איך בין דער פריץ" - רופט אויס דער גובערנאטאר - "מיר האסטו דו געראטעוועט!"...

"זאג מיר נאר" - פרעגט דער גובערנאטאר - "ווי אזוי ביסט דו צוגעקומען צו דיין יעצטיגן שווערע מצב?"

דער איד האט עם אלעס דערציילט, ווי אזוי זיינע פארמעגנ'ס האבן עם אנגעהויבן צו גיין שלעכט, און עס האט עם געברענגט דערצו אז ער האט אלעס געדארפט פארקויפן, און ארויסלאזן זיך איבער'ן לאנד נאך נדבות.

דער פריץ האט זיך דערמאנט ווי אזוי דער איד האט עם געראטעוועט, און דער פריץ האט רחמנות באקומען אויף דעם איד וואס איז יעצט געווארן אַן ארימער בעטלער. האט ער ארויסגענומען פון זיין בוזעם טאש זיין ביכל, און געשריבן דערויף א וועקסל (טשעק) אויף צוויי טויזנט רובל און געגעבן פאר'ן איד, ער זאל ארויסנעמען דערויף געלט פון דעם באנק.

דער איד האט באדאנקט דעם גובערנאטאר, ער האט ארויסגענומען דאס געלט פון באנק, און זיך גענומען צוריק צום האנדלען. די הצלחה האט עם ווידער אויפגעשיינט, און ביז א קורצע צייט איז ער צוריק געקומען צו זיין פריער'דיגע מדריגה אין פרנסה און אין עשירות.

אינצווישן איז דער הייליגער רבי אלימלך פון ליז'ענסק זי"ע שוין פון לאנג נסתלק געווארן, און דער הייליגער 'חוזה' פון לובלין זי"ע האט פארנומען זיין פלאץ מיט א גרויסע פירסום.

אבער אויך דער הייליגער רבי דוד פון לעלוב זי"ע, וועלכער איז געווען צווישן די תלמידים פון דער הייליגער רבי אלימלך, איז אויך נתפרסם געווארן אלס א צדיק און א מנהיג הדור.

איז דער נייע עושר געפארן קיין לעלוב צום רבי'ן רבי דוד'ל, צו באקומען א ברכה אויף ווייטער, אָן דעם וואס ער זאל וויסן אז דער רבי דוד'ל פון לעלוב, איז דער זעלבע ארימער ר' דוד וועמען ער האט אמאל אזוי פארשעמט אין וואגן אויפ'ן וועג פארנ'דיג קיין ליז'ענסק.

ווי נאר דער עושר האט אריבערגעטרעטן דעם שוועל, האט עם רבי דוד'ל לעלוב'ער באלד דערקענט, ער האט עם געבעטן צו דערציילן ווי אזוי עס איז אויף עם אריבער די אלע יארן.

דער עושר האט עם דערציילט ווי אזוי ער האט אנגעטראפן דעם פריץ אינמיטן דער וועג אהיים פון ליז'ענסק און עם געראטעוועט פון א זיכער'ן טויט, און ווי אזוי ער איז באלד דערנאך געווארן א ביטערע ארימאן, און ווי אזוי ער איז שוין יעצט ב"ה צוריק אַן עושר.

האט עם רבי דוד לעלוב'ער געזאגט: "דו זאלסט וויסן, אז ווען דו האסט פון מיר געלאכט פאָרנ'דיג קיין ליז'ענסק, און מיר אזוי פארשעמט, איז אויף דיר מן השמים נגזר געווארן אז דו זאלסט ח"ו שטארבן. איך האב געוואוסט פון דעם גזר דין, דעריבער ווען בין איך אריין צום הייליגן רבי'ן, רבי אלימלך פון ליזענסק זי"ע, האבן מיר זיך דורך געשמועסט צו טרעפן אַן עצה ווי אזוי בטל צו מאכן די שווערע גזירה.

עס איז אונז געלונגען צו אויס'פועל'ן, אז דו זאלסט ווערן אַן ארימאן, ווי חז"ל זאגן 'עני חשוב כמת', אז אַן ארימאן ווערט פאר'רעכנט ווי א טויטע מענטש, און מיט דעם וועסט דו שוין אפקומען אויף דיינע זינד.

אבער אזוי ווי דו האסט דאך מיר געטוהן א גרויסע טובה, אז דו האסט מיר מיטגענומען אויף דיין וואגן קומענ'דיג קיין ליז'ענסק, האב איך דיר געדארפט צוריק טוהן דעם טובה, אז נאך צען יאר זאלסט דו צוריק קומען צו דיין פריערדיגע רייכקייט".

דער עושר איז יעצט געפאלן פאר די פיס פון רבי דוד'ל לעלוב'ער און עם איבערגעבעטן.

רבי דוד'ל רופט זיך אָן: "דו זעהסט דאך אז איך האב דיר באלד מוחל געווען, איך האב דאך שוין דעמאלט געזארגט אז דו זאלסט נישט בלייבן אַן ארימאן אויף אייביג, און איך האב פאר דיר אנגעגרייט א ישועה מיט'ן כח פונעם הייליגן רבי'ן, רבי אלימלך זי"ע.

❋ ❋ ❋

# אמרות חכמים

**ויגדל הילד ותביאהו לבית פרעה.**

א איד האט אמאל געפרעגט פון דער הייליגער רבי ישראל פון רוזשין זי"ע וואס איז דער טעם פון דעם וואס ער פירט זיך מיט א ברייטקייט און א רייכקייט.

האט עם דער הייליגער רוזשינ'ער גע'ענטפערט ווי פאלגענד: "דער טעם פארוואס דער אייבערשטער האט צוגעפירט אז משה רבינו זאל אויפוואקסן אין פאלאץ פון פרעה איז, ווייל דער מענטש וואס וואקסט אויף אין א רייכע שטוב מיט אלע באקוועמליכקייטן, דער האט גרויסע השגות אין לעבן, וויבאלד ער זעהט און פארשטייט וואס עס מיינט א ברייטע און רייכע לעבן.

דעריבער האט משה רבינו געדארפט אויפוואקסן אין דעם רייכן פאלאץ פון פרעה, ווייל אזוי האט ער געהאט די השגה אויסצו'פועל'ן אז די אידן זאלן ארויסגיין פון מצרים מיט א גרויס פארמעגן.

וואלט ער אבער אויפגעוואקסן אין דעם פשוט'ע שטוב פון עמרם, וואלט ער בלויז געבעטן אז מען זאל ארויסגיין פון מצרים מיט פשוט'ע שטעקענ'ס!"...

❋ ❋ ❋

**וירא כי אין איש ויך את המצרי ויטמנהו בחול.**

א גרופע פון עטליכע חסידים זענען אמאל געקומען צו פארן אויף שבת פרשת שמות קיין מעז'יבוז', צו דער הייליגער רבי ברוך פון מעז'יבוז' זי"ע, דער אייניקל פון דער הייליגער 'בעל שם טוב' זי"ע, וואו זיי האבן עם פארגעלייגט אז זיי ליידן שרעקליך פון דער פריץ אין זייער דארף, וועלכער טיילט זיי אויס ביטערע צרות.

רבי ברוך'ל האט זיי באלד גע'ענטפערט: "עס שטייט אין די פרשה די וואך 'וירא כי אין איש', איך זעה אז דער פריץ פירט זיך נישט אויף צו אייך ווי א מענטש, 'ויך את המצרי', דארף מען עם פון הימל שלאגן און אפרוימען פון די וועלט, דאס איז אבער נישט געמאכט פאר היינט שבת קודש, נאר 'ויטמנהו בחול', ער וועט באגראבן ווערן אין די וואכן טעג!"...

עס איז איבריג צו זאגן אז נאך אינמיטן יענע וואך איז מען פטור געווארן פון דעם פריץ, וועלכער האט געהאט א מיתה משונה, כן יאבדו כל אויביך ה'.

❋ ❋ ❋

**ויך את המצרי - שהרגו בשם המפורש.** (רש"י)

ווען דער ׳גאון׳ רבי שמעון סופר פון קראקא זי"ע איז אויפגענומען געווארן אלס רב אין די שטאט קראקא, איז ער אויסגעשטאנען גרויס קעגנערשאפט פון א גרופע מתנגדים.

ווען ער האט אנגעהויבן זיין ערשטע דרשה אלס רב, האט ער באלד באמערקט ווי זיינע מתנגדים זענען גרייט עם צו באפאלן מיט פוסטע קושיות, כדי עם צו שטערן און פארמישן.

האט ער זיך צו זיי אנגערופן: "וויסן זאלט איר, אז דער הייליגער ׳שם׳ מיט וועלכער משה רבינו האט זיך באנוצט אוועקצולייגן דעם מצרי, האט מיין פאטער דער הייליגער ׳חתם סופר׳ זי"ע מיר אמאל אויסגעלערנט, ווען ער האט מיר געשיקט צו א געוויסע שטאט פון משכילים און מתנגדים, דעריבער וויסן זאלט איר, אז דעם ׳שם׳ האב איך נאך נישט פארגעסן!"...

✵ ✵ ✵

**למה תכה רעך.**

דער הייליגער רבי נפתלי צבי פון ראפשיץ זי"ע איז אמאל ארומגעגאנגען נאך געלט פאר פדיון שבוים, אנקומענ׳דיג צו א הויז פון א גרויסע עושר וועלכע פלעגט שטענדיג אפלאכן פון די ערליכע אידן, זענען עם אקעגן געלאפן עטליכע הונט פרובירנ׳דיג עם צו פארטרייבן.

דער ראפשיצ׳ער רב האט מיט זיין שטעקן פארשיקט פון זיך די הונט, און אט הערט ער ווי דער עושר רופט זיך אָן צו עם פון פענסטער מיט א שמייכל: "איך וואונדער זיך אויף דיר, אז דו האסט פארגעסן דעם פסוק ׳למה תכה רעך׳!"...

ענטפערט עם דער ראפשיצ׳ער רב צוריק: "און דו האסט ווייזט אויס פארגעסן דעם פסוק, ׳האחיכם יבואו למלחמה ואתם תשבו פה׳? צו דען דיינע ברידער (די הונט) וועלן קומען צו די מלחמה און איר וועט בלייבן זיצן דא איינגעלייגט?!"...

✵ ✵ ✵

**אל תקרב הלום של נעליך מעל רגליך.**

מיט עטליכע הונדערט יאר צוריק האבן אידן זייער פיל געליטן פון א גרופע אָפּגעפּארענע אידן וועלכע מען האט גערופן די ׳קראים׳, זיי האבן פארלייגט פיל כוחות צו פארכאפן ווי מער אידן אין זייער טונקעלע נעץ רח"ל.

איינמאל זענען די קראים געקומען צום קעניג פון זייער לאנד און גע׳טענה׳עט אז זיי זענען די אמת׳ע אידן, און די ערליכע אידן זענען נאר א נייע גרופע וועלכער האט זיך געשאפן במשך די יארן.

האט דער קעניג צוזאמען גערופן א ׳ויכוח׳ צווישן די קראים און די אידן.

צום באשטימטע טאג זענען געקומען די קראים און פארשטייער פון די אידן צום קעניג אין פאלאץ.

דער מנהג ביים קעניג אין פאלאץ איז געווען, אז דער וואס קומט אריין צום קעניג דארף זיך פריער אויסטוהן די שיך.

די קראים וועלכע האבן געוואוסט פון דעם מנהג, האבן זיך טאקע אויסגעטוהן זייערע שיך, אבער די אידן אין שפיץ פון זייער רב דער ׳גאון׳ רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע, וועלכע האבן גארנישט געוואוסט פון דעם מנהג, זענען אריינגעקומען צום קעניג מיט די שיך אנגעטוהן.

אזוי ווי די קראים האבן דאס באמערקט, האבן זיי באלד געזאגט פאר׳ן קעניג: "אדוני המלך, קוקט נאר ווי די אידן האלטן דיר נישט חשוב, און זיי קומען אריין צו דיין פאלאץ מיט זייערע שיך אנגעטוהן".

ווען דער קעניג האט פארגעהאלטן דעם רב, רבי יהונתן אייבשיץ פאר די נישט שיינע אויפ׳פירונג, האט עם רבי יהונתן באלד אויפ׳ן ארט גע׳ענטפערט: "אזוי ווי מיר דארפן דא זיין צוזאמען מיט די קראים, האבן מיר דעריבער נישט געקענט איבערלאזן אונזערע שיך אינדרויסן. ווייל מיר ווייסן שוין פון אלע פריער׳דיגע דורות אז די קראים גנב׳ענען שיך".

פרעגט דער קעניג פון רבי יהונתן: "פון וואו ווייסט איר אז די קראים גנב׳ענען שיך?"

האט רבי יהונתן גע׳ענטפערט: "דאס ווייסן מיר נאך פון משה רבינו׳ס צייטן! ווייל ווען דער אייבערשטער האט זיך צו עם באוויזן ביים סנה, האט עם דער אייבערשטער געזאגט ׳של נעליך מעל רגליך׳, טוה אויס די שיך פון דיינע פיס.

אבער שפעטער ווען משה רבינו איז צוריק געקומען געפינען מיר נישט אין פסוק ער זאל זיי צוריק אנטוהן, דאס איז צוליב דעם וואס ער האט נישט געטראפן זיינע שיך, ווייל איינע פון די קראים האט זיי צוגענומען, און פון דעמאלט אָן זענען מיר געווארנט נישט איבערצולאזן שיך וואו עס זענען דא קראים".

דער קעניג דרייט זיך אויס צו די קראים און פרעגט פארוואונדערט: "איז דאס אמת?"

די קראים האבן אנגעהויבן צוריק צו שרייען: "ווי קען דאס זיין אמת? אין משה רבינו׳ס צייטן האבן נאך בכלל נישט עקזעסטירט קיין קראים?!"

דא רופט זיך אָן רבי יהונתן אייבשיץ צום קעניג: "דער קעניג זעהט דאך אליין ווי זיי זענען זיך מודה אז זיי זענען א נייע גרופע וועלכע זענען נאך נישט געווען ביי משה רבינו׳ס צייטן, אויב אזוי, ווי קענען זיי טענה׳ען אז זיי האבן די אמת׳ע תורה וואס דער אייבערשטער האט געגעבן פאר משה רבינו?!"...

די קראים הערנ׳דיג דאס, זענען באלד אנטלאפן פון דארט מיט פארשעמטע פנים׳ער...

✵ ✵ ✵

**לא איש דברים אנכי.**

דער הייליגער ׳כתב סופר׳ זי"ע האט אמאל געזאגט בדרך צחות: "עס זענען פארהאנען געוויסע רבנים וועלכע קענען נאר אויפטרעטן מיט דרשות אויב זיי גרייטן זיך צו דערצו עטליכע טעג פריער.

האט משה רבינו דא געזאגט: ׳לא איש דברים אנכי׳, איך קען נישט רעדן און אויפטרעטן פאר די אידן, ׳גם מתמול גם משלשום׳, אפילו אויב איך וועל זיך צוגרייטן צוויי אדער דריי טעג פון פאראויס, דאך וועל איך נישט קענען רעדן צו זיי!"...

✵ ✵ ✵

**כי מתו כל האנשים - והעני חשוב כמת.** (רש"י)

צום ׳גאון׳ רבי יוסף שאול נאטענזאהן ׳בעל שו"ת שואל ומשיב׳ זצ"ל, איז אמאל אריינגעקומען אַן ארימאן צו בעטן א נדבה, רבי יוסף שאול האט עם געבעטן ער זאלווארטן א מינוט ביז ער גייט אריין אין צווייטן צימער צו ברענגען דאס געלט.

צוריק קומענ׳דיג האט רבי יוסף שאול באמערקט ווי זיין טייערע זייגער איז פארשוואונדן געווארן צוזאמען מיט׳ן ארימאן...

האט ער זיך אנגערופן צו זיינע שטוב מענטשן: "יעצט איז מיר פארענטפערט געווארן דאס וואס חז"ל זאגן ׳עני חשוב כמת׳, ווייל לכאורה איז דאך שווער, וועלכע ארימאן וויל דען שטארבן, אפילו דער גרעסטע ארימאן וויל דאך נישט שטארבן?

נאר יעצט פארשטיי איך שוין אז מיט דעם איז אַן ארימאן צוגעגליכן צו א מת, ווייל אזוי ווי מען טאר נישט איבערלאזן א מת אליין אין א שטוב אָן קיין שמירה, אזוי אויך טאר מען נישט איבערלאזן אַן ארימאן אין א שטוב אליין אָן קיין שמירה!"...

✵ ✵ ✵

**תבן אין נתן לעבדיך ולבנים אומרים לנו עשו.**

ווען מען האט געוואלט אויפנעמען דעם הייליגער רבי יצחק אייזיק פון לענטשנא זי"ע אלס רבי, איז ער געפארן צום הייליגער רבי יודא לייבוש פון זקילקוב זי"ע, א תלמיד פון דער הייליגער ׳חוזה׳ רבי יעקב יצחק פון לובלין זי"ע, און האט זיך געבעטן אז מען זאל אראפנעמען פון עם דאס עול הרבנות, זאגנ׳דיג אויף זיך דעם פסוק: "׳תבן אין נתן לעבדיך׳, שכל און תבונה האב איך נישט, ׳ולבנים אומרים לנו עשו׳, און דאך זאגט מען מיר אז איך זאל אנטוהן א ווייסע בעקיטשע?!"...

האט עם רבי יודא לייבוש גע׳ענטפערט: "טאקע נאר אזא איינער דארף זיין א רבי, דער וואס מען וויל עם און ער וויל נישט!"...

✵ ✵ ✵

**נרפים אתם נרפים על כן אתם אומרים נלכה נזבחה.**

צו דער הייליגער רבי גרשון העניך פון ראדזין זי"ע איז אמאל געקומען א חסיד וועלכע האט נישט געהאלטן ביים ארויסגיין ארבעטן צו ברענגען פרנסה אין שטוב, נאר ער האט געוואלט בעסער ווערן א שוחט, וואס צו דעם האט ער אפילו נישט געטויגט.

האט עם דער ראדזינ׳ער געזאגט דעם פסוק: "׳נרפים אתם נרפים׳, דו ביזט פשוט א פוילער, דו האלסט נישט ביים גיין ארבעטן, ׳על כן אתם אומרים נלכה נזבחה׳, דעריבער זאגסט דו אז דו ווילסט בעסער גיין ווערן א שוחט!"...

✵ ✵ ✵